בס"ד
ויקהל פקודי - החודש
תשפ"ג
גליון 134

# דעם רבינ'ס ליכט



**אַײַערע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן** (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

**אַ גוּטְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער,**

קִינְדֶערְלֶעךְ טַײיעֶרֶע, וֶוער פוּן עֶנְק וֵוייסְן וִויאַזוֹי עֶס אַרְבֶּעט אַ מַאשִׁין? אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ וִויסְן אַז דֶער מֹחַ פוּן דֶער וֶועלְט - דֶער הֵיילִיגֶער ר׳ נָתָן, הָאט גֶעוואוּסְט גֶענוֹי וִויאַזוֹי דִי אַלֶע מַאשִׁינֶערַײיעֶן זֶענֶען גֶעבּוֹיט. עֶר בְּרֶענְגְט עֶס אֲפִילוּ אַרָאפּ אִין לִקוּטֵי הֲלָכוֹת (יום טוב ה׳).

צוּם בַּײשְׁפִּיל: וִויאַזוֹי הָאט גֶעאַרְבֶּעט אַ זֵייגֶער פַאר עֶס אִיז עֶרְפִינְדְן גֶעוָוארְן עֶלֶעקְטְרִיק? מֶען הָאט גֶענוּמֶען אַ לַאנְגֶע אַײזֶערְנֶע קֵייטֶעלֶע, עֶס צַאמְגֶעדְרֵייט בִּיז עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַײנְגֶעדְרֵייט אִינְגַאנְצְן קֶעגְן אִיר טֶבַע (ווִי אַ סְפְּרִינְג – שְׁפְּרִינְזִינֶע).
דִי אַײזְן ווִיל אָבֶּער נָאר צוּרִיק טַאנְצְן צוּ אִיר נַאטוּרְלִיכְקַײט, מֶען לֵייגְט אִיר אָבֶּער אַרַײן אִין אַ זֵייגֶער, מוּז זִי דָארְט לִיגְן אַײנְגֶעדְרֵייט. אוּן צוּ דֶעם לֵייגְט מֶען צוּ פַארְשִׁידֶענֶע קְלֵיינֶע רֶעדֶעלֶעךְ, אֵיין רֶעדְל דְרֵייט דָאס אַנְדֶערֶע אוּן דוּרְכְדֶעם דְרֵייט זִיךְ דָאס וַוייזֶערְל פוּן דִי זֵייגֶער.

מֶער וֵוייניגֶער אַרְבֶּעטְן אַזוֹי אַלֶע מַאשִׁינֶערַײיעֶן בִּיז הַײנְט, נָאר מִיט גְרֶעסֶערֶע אוּן מֶער פָארְגֶעשְׁרִיטֶענֶע אֵיידֶעלֶע רֶעדְלֶעךְ אוּן דְרָאנְדְן.

קוּמְט אוֹיס אַז נָאר צוּלִיבּ דֶעם וָואס עֶס אִיז פַארְהַאן אַ כֹּחַ וָואס טְרַײבְּט אוּן לָאזְט נִישְׁט שְׁטֵיין, וֶוערְט דוּרְכְדֶעם שֵׁיינֶע, גֶעוַואלְדִיגֶע מַאשִׁינֶערַײיעֶן וָואס קֶענֶען וַואשְׁן אוּן טְרִיקֶענֶען וֶועשׁ, עֶלֶעוֶועיטָארְס, עֶרָאפְּלַאנֶען, טֶעלֶעפָאנֶען, עִיר קָאנְדִישָׁאנְס, קַארְס, בָּאסֶעס א.א.וו.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אוּן נָאךְ אַסַאךְ שְׁטֶערְקֶער פוּן דֶעם אִיז דֶער כֹּחַ בַּיי אוּנְז אִידִישֶׁע קִינְדֶער. יֶעדֶער פוּן אוּנְז הָאט אַ כֹּחַ הַמַּכְרִיחַ, דָאס מֵיינְט אַ כֹּחַ וָואס טְרַײבְּט אוּנְז אַוֶועק. דֶער כֹּחַ וִויל אוּנְז פַארְטְרֵייבְּן פוּן קְדוּשָׁה, פוּן אִידִישְׁקַײט, פוּן בַּאשֶׁעפֶער, פוּן דִי צַדִיקִים, פוּן דִי תּוֹרָה אוּן מִצְוֹות א.ד.ג. אָבֶּער מֶען דַארְף גוּט גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס אִיז אוֹיךְ דָא אִין אוּנְז אַ כֹּחַ הַמּוֹשֵׁךְ – דָאס אִיז אַ כֹּחַ וָואס צִיט צוּם שׁוֹרֶשׁ וִוי אַ מַאגְנֶעט. דֶער מַאגְנֶעט שְׁלֶעפְּט אוּנְז צוּרִיק צוּם בַּאשֶׁעפֶער, צוּ דִי תּוֹרָה, צוּ דִי צַדִיקִים, צוּ מִדוֹת טוֹבוֹת א.א.וו.

דֶער כֹּחַ הַמַּכְרִיחַ הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַרַײנְגֶעלֵייגְט אִין אוּנְז פַאר אוּנְזֶער טוֹבָה. וָואס אִיז דֶער גְרוֹיסֶער טוֹבָה צוּ וֶוערְן אַוֶועקְגֶעשְׁטוּפְּט פוּן דֶער קְדוּשָׁה? יָא קִינְדֶערְלֶעךְ, דוּרְכְדֶעם וָואס מִיר טְרֶעפְן זִיךְ צוּמָאל דֶערְוַוייטֶערְט, הֵייבְּן מִיר אָן צוּ בֶּענְקֶען אוּן בֶּענְקֶען צוּם טַאטֶען אִין הִימְל מִיט אַ טִיפֶערֶע רָצוֹן צוּרִיקְצוּגֵיין צוּ אוּנְזֶער אֱמֶת׳ער פְּלַאץ.

קוּמְט אוֹיס אַז דֶער כֹּחַ הַמַּכְרִיחַ וָואס דֶערְוַוייטֶערְט אוּנְז גֶעוֶועלְטִיגְט נִישְׁט אִיבֶּער אוּנְז. זִי אִיז נָאר צַײטְוֵוײלִיג. אוּנְזֶער עֲבוֹדָה אִיז




המשך קומענדיגע זייט

המשך פון זייט 1

זִיךְ מִתְגַבֵּר צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג מִיט גוּטֶע רְצוֹנוֹת, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַאְרן בַּאשֶׁעפֶער, לֶערְנֶען אוּן טוּן מִצְווֹת, דָאס אִיז דֶער כֹּחַ הַמּוֹשֵׁךְ, וָואס צִיט אוּנְז צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. דַאן וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ גְרִינְגֶערְהֵייט וֶוערְן צוּרִיקְגֶעצוֹיגְן צוּם אֱמֶת אוּן זִיךְ אָפְּטוּן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס אִיז דֶער פַאְרקֶערְטֶער כֹּחַ.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר שְׁטֵייעֶן פַאר דֶעם גְרוֹיסְן הֵיילִיגְן טָאג, רֹאשׁ חֹדֶשׁ נִיסָן, וָואס דַאן הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם הֵיילִיגְן מִשְׁכָּן. אוּן אַזוֹי אוֹיךְ הַאלְט מֶען אִינְמִיטְן לֶערְנֶען אִין דִי לֶעצְטֶע פָּרָשִׁיּוֹת אִיבֶּער דִי עֲבוֹדַת הַמִּשְׁכָּן.



די רעדלעך און שפרינזינעס אין א זייגער

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (תורה ע'): ""מִשְׁכָּן' אִיז פוּן לָשׁוֹן, 'מָשְׁכֵנִי אַחֲרֶיךָ נָּרוּצָה', דָאס מֵיינְט אַז דֶער מִשְׁכָּן הָאט גֶעהַאט אַ כֹּחַ צוּ צִיעֶן אוּן אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט. אָבֶער כְּדֵי צוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן דֶעם מִשְׁכָּן הָאט מֶען גֶעדַארְפְט הָאבְן דֶעם גְרוֹיסְן צַדִּיק, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אִין דִי פַּרְשָׁה: 'וַיָּקֶם מֹשֶׁה אֶת הַמִּשְׁכָּן' (שמות מ, יח). וִוייבַּאלְד עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עָנָיו אוּן גֶעוֶוען בַּיי זִיךְ אַזוֹי נִידְרִיג וִוי זַאמְד – עָפָר. אוּן מִיר וֵוייסְן אַז דֶער עֶרְד הָאט אִין זִיךְ אַ כֹּחַ הַמּוֹשֵׁךְ – אַ כֹּחַ וָואס צִיט אַלֶעס צוּ זִיךְ וִוי אַ מַאגְנֶעט, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט וֶוען מֶען וַוארְפְט עֶפֶּעס פַאלְט עֶס גְלַייךְ אַרָאפּ צוּ דֶער עֶרְד, וַוייל דִי זַאמְד הָאט אַ כֹּחַ וָואס צִיט אַלֶעס צוּ זִיךְ. דָאס זֶעלְבֶּע אִיז מִיטְן צַדִּיק – עֶר צִיט אַלֶעס צוּ זִיךְ."

אַ מֶענְטְשׁ קֶען טַאקֶע אוֹיפְהֵייבְּן אַ זַאךְ פוּן דֶער עֶרְד אוּן עֶס מַכְרִיחַ זַיין - עֶס אַוֶועקְבֵּייגְן פוּן זַיין אָרְט, אָבֶּער וִוי נָאר עֶר לָאזְט עֶס אָפּ, פַאלְט עֶס צוּרִיק צוּ דֶער עֶרְד - צוּ אִיר אָרְגִינַאלְן אָרְט. דֶער יֵצֶר הָרָע מִיט אַלֶע זַיינֶע שֻׁתָּפִים קֶענֶען פַארְמַיידְן אוּן צֶעשְׁטֶערְן אוּן אַוֶועקְשְׁלֶעפְּן אַ אִיד פוּן זַיין אֱמֶת'ן אָרְט, אָבֶער אוֹיבּ דֶער אִיד וֶועט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן אוּן זִיךְ צִיעֶן צוּם אָב הָרַחֲמָן מִיט אַ תְּפִלָּה, 'מְשֹׁךְ עַבְדֶּךָ אֶל רְצוֹנֶךָ', דַאן וֶועט עֶר גֶעוִוינֶען דִי מִלְחָמָה אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּ זַיין אָרְט.

לַיידֶער אִיז דֶער מִשְׁכָּן הַיינְט מֶער נִישְׁטָא. חֲזַ"ל זָאגְן אִין מִדְרָשׁ רַבָּה, אַז ""מִשְׁכָּן' אִיז פוּן דֶער לָשׁוֹן 'מַשְׁכּוֹן', דָאס מֵיינְט אַז אוֹיבּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶועלְן זִינְדִיגְן וֶועט עֶס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער נֶעמֶען אַלְס אַ מַשְׁכּוֹן."

פוּן צְוֵוייטְן זַייט, זָאגְן חֲזַ"ל אוֹיפְן פָּסוּק, ""אֵלֶּה פְקוּדֵי הַמִּשְׁכָּן', מִשְׁכָּן, עֶס שְׁטֵייט צְוֵויי מָאל מִשְׁכָּן, אַז דֶער מִשְׁכָּן שִׁיצְט סַיי וֶוען עֶר אִיז אוֹיפְגֶעבּוֹיט אוּן סַיי וֶוען עֶס אִיז חָרוּב."

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר דַארְפְן זִיךְ צִיעֶן אוּן בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן אַז עֶר זָאל אוּנְז שִׁיקְן אַ מַנְהִיג אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וָואס קֶען צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם מִשְׁכָּן אוּן צוּרִיק צִיעֶן צוּם אֱמֶת'ן תַּכְלִית, בִּפְרָט אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן נִיסָן וָואס אִיז זֵייעֶר מְסוּגָל צוּ דִי גְאוּלָה, סַיי בִּפְרָטִיּוּת אוּן אוֹיךְ בִּכְלָלִיּוּת, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן: "בְּנִיסָן נִגְאֲלוּ וּבְנִיסָן עֲתִידִין לְהִגָּאֵל, בְּקָרוֹב בְּיָמֵינוּ אָמֵן."

# איין מעשה'לע

*דער באשעפער באוויזט וואונדער*
*פאר זיינע ליבע קינדער*

## דִי רִיכְטִיגֶע מִינוּט

איין נַאכְט פַארן גֵיין שְׁלָאפְן הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר גֶעוָואלְט אוֹיפְשְׁטֵיין 6:45 אִינְדֶערְפְרִי, אִיךְ בִּין גֶעלֶעגְן אִין בֶּעט אוּן בְּשַׁעַתְ'ן לִיגְן הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל אוֹיפְשְׁטֵיין אִין דֶעם צַייט אוּן אַזוֹי אִינְמִיטְן מַיין תְּפִלָּה בִּין אִיךְ אַיינְגֶעשְׁלָאפְן.

אִינְדֶערְפְרִי וֶוען אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעעֶפְנְט מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ כַאפּ אַ בְּלִיק אוֹיפְן זֵייגֶער וָואס הָאט גֶעוִויזְן פּוּנְקְט דִי צַייט 6:45, מֶען זֶעט פוּן דֶעם אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז שׁוֹמֵעַ תְּפִלָּה כָּל פֶּה, הֶער הֶערְט צוּ יֶעדֶע בַּקָשָׁה פוּן יֶעדְן אִיד.

**מֹשֶׁה חַיִּים**

איין טָאג בִּין אִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אִינְדֶערְפְרִי מִיט אַבִּיסְל קָאפּ-וֵוייטָאג, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג גֶעמַאכְט דֶערְפוּן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוּן גֶעגַאנְגֶען אִין חֵדֶר. אִין חֵדֶר הָאבְּן זִיךְ דִי וֵוייעֶן גֶעשְׁטַארְקְט, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל קֶענֶען בְּלַייבְּן אִין חֵדֶר אוּן הָאבְּן כֹּחַ בִּכְלַל צוּ אַהֵיימְגֵיין סוֹף טָאג. דֶער טָאג אִיז ב"ה אַרִיבֶּער נִישְׁט דִי עֶרְגְסְטֶע אוּן בִּין אַהֵיים גֶעקוּמֶען בְּשָׁלוֹם.

אַ טָאג נָאכְדֶעם אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן שְׁוֶוערֶער דִי קְרֶענְק אוּן אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעשְׁפִּירְט אִין אַלֶע בֵּיינֶער, אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט רִירְן, אָבֶּער יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבְּן גֶעוָואלְט טוּן ווִי לְמָשָׁל זִיךְ אַרָאפְּבֵּייגְן הָאבּ אִיךְ יֶעדֶעס מָאל גֶעבֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אָן דִי תְּפִלָּה הָאבּ אִיךְ בְּשׁוּם אוֹפָן נִישְׁט גֶעקֶענְט דָאס טוּן.

ב"ה יֶעצְט אִיז דִי שְׁוַואכְקֵייט שׁוֹין אַרִיבֶּער, אִיךְ בִּין שׁוֹין פְּרִישׁ אוּן מִינְטֶער, אָבֶּער יֶעצְט זֶע אִיךְ קְלָאר אַיין אַז מֶען דַארְף דַאנְקְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינֶע רִיר, אוֹיף יֶעדֶע בִּיס וָואס אִיךְ קֶען עֶסְן אוּן אַרָאפְּשְׁלִינְגֶען, יֶעדֶע טְרִיט וָואס אִיךְ גֶעבּ אִיז אַ נֵס. לָאמִיר דַאנְקְן אוּן לוֹיבְּן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי אוּמְצָאלִיגֶע מָאל אִין טָאג וָואס מִיר קֶענֶען דְרַייעֶן מִיט דִי הֶענְט, גֵיין אוֹיף דִי פִּיס אוּן רֶעדְן, הֶערְן, טְרַאכְטְן, זֶען, אוּן וָואס נִישְׁט?



טייערע ברסלב'ע קינדער

וואס זאגט

אויבן אין הימל
דער הייליגער
באשעפער מיט
זיין פמליא של
מעלה ווען איבער

291,200

תשובות אויף
ספר הקדוש
סיפורי מעשיות
זענען שוין
געענטפערט
געווארן אויפן
טעל-ליין פון
רבי'נס ליכט
דורך די טייערע
ברסלב'ע
קינדער
כאפ זיך מיט


הדפסת הגליון נתנדב ע"י **נחמן בנציון משיח** הי"ו,
לרגל הבר מצוה של בנו בכורו **שמעון** למזל טוב
הבר מצוה תתקיים אי"ה ביום ב' ויקרא
באולם פארהאנד, בית שמש

הדפסת הגליון נתנדב ע"י
**שמואל זוהר** הי"ו,
לרגל הולדת בנו למזל טוב

# א שמועס מיט'ן זיידן




**זֵיידֶע:** הַא בֶּערֶעלֶע אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעוַוארְט אוֹיף דִיר, גֶעדֶענְקְסְט נָאךְ דִי פָארִיגֶע מָאל הָאבְּן מִיר אַרוּמְגֶערֶעדְט וֶועגְן דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן גֶעבְּן צְדָקָה?

**בֶּערֶעלֶע:** יָא אַוַודְאַי, אוּנְזֶערֶע דִיבּוּרִים הָאט מִיר אַלֵיין גֶעשְׁטַארְקְט צוּ גֶעבְּן צְדָקָה, אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַפָּאר שְׁקָלִים פוּן מַיינֶע פּוּרִים גֶעלְט אִין דִי צְדָקָה קַאסֶע פוּן שׁוּל....

**זֵיידֶע:** גֶעוַואלְדִיג! גֶעוַואלְדִיג! אָט אַזוֹי וַואקְסְט מֶען אַ צַדִיק... אַזוֹי שְׁטֵייט אִין אִגֶרֶת הָרַמְבַּ"ן: "וְכַאֲשֶׁר תָּקוּם מִן הַסֵּפֶר, תְּחַפֵּשׂ בַּאֲשֶׁר לָמַדְתָּ אִם יֵשׁ בּוֹ דָּבָר אֲשֶׁר תּוּכַל לְקַיְּמוֹ,"... יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען לֶערְנְט דַארְף מֶען זוּכְן בַּאלְד וִוי אַזוֹי מֶען קֶען עֶס מְקַיֵּים זַיין לְמַעֲשֶׂה, בִּפְרָט דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן צְדָקָה, בִּכְלַל אַלֶע לִמּוּדִים וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי' זַ"ל לֶערְנְט אוּנְז אִיז דֶער עִיקָר פּוּנֶעם לֶערְנֶען כְּדֵי מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין דָאס צוּ מְקַיֵּים זַיין, אוּן זִיךְ פִירְן אַזוֹי אִין לֶעבְּן, וַוייל "לֹא הַמִּדְרָשׁ הָעִקָּר אֶלָּא הַמַּעֲשֶׂה".. דָאס גַאנְצֶער לֶערְנֶען אִיז צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַיֵּים דִי אַלֶע הֵיילִיגֶע עֵצוֹת אוּן וֶועגְן אִין עֲבוֹדַת ה'.

וֶוען מִיר רֶעדְן וֶועגְן צְדָקָה לְמַעֲשֶׂה קוּמְט בַּאלְד אַרוֹיף אִין גֶעדַאנְק דֶער בַּאווּאוּסְטֶער חָסִיד ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זַ"ל וָואס כָאטְשׁ עֶר אִיז גֶעוֶוען גְרוֹיס אִיז עֲבוֹדַת ה' עֶר אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען חֲצוֹת, אוּן גֶעהַאט אַסַאךְ שִׁעוּרִים אִין אַלֶע חֶלְקֵי הַתּוֹרָה, הָאט עֶר זִיךְ סְפֶּעצִיעֶל אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר צְדָקָה אוּן גְּמִילוּת חֲסָדִים, נָאךְ אִין זַיינֶע אִינְגֶע יָארְן וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אוּמַאן פְלֶעגְט עֶר צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה פַאר דִי עוֹבְדֵי ה' אִין אוּמַאן וֶועלְכֶע הָאבְּן גֶעלִיטְן פוּן אַ שְׁוֶוערֶע אָרֶעמְקַייט, - אָבֶּער אִין יֶענֶע צַייט צַאמְצוּנֶעמֶען צְדָקָה אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי הַיינְט, צְדָקָה אִין רוּסְלַאנְד אִין צַייט פוּן דִי קָאמוּנִיסְטְן אִיז גֶעוֶוען אַן עֲבֵרָה! קֶעגְן דֶעם גֶעזֶעץ!

**בֶּערֶעלֶע:** וָואס? גֶעבְּן צְדָקָה אִיז אַן עֲבֵרָה?

**זֵיידֶע:** יָא! מֶען קֶען נִישְׁט גְלוֹיבְּן אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַזַא פַארְקְרִימְטֶע דֵעָה... אָבֶּער דִי קָאמוּנִיסְטְן הָאבְּן גֶעוָואלְט אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִין לַאנְד זָאל אַרְבֶּעטְן פַאר רוּסְלַאנְד... גֶעבְּן גֶעלְט פַאר אַ צְוֵוייטְן אָן צוּ אַרְבֶּעטְן אִיז גֶעוֶוען פַארְבָּאטְן! פַארְשְׁטֵייסְטוּ שׁוֹין אַלֵיין אַז כְּדֵי צוּ זַיין אַ גַּבַּאי צְדָקָה הָאט מֶען גֶעדַארְפְט הָאבְּן מַמָּשׁ מְסִירוּת נֶפֶשׁ. ר' לֵוִי יִצְחָק הָאט זִיךְ אָנְגֶעגַארְטְלְט מִיט עַזּוּת דִקְדֻשָּׁה אוּן שְׁטִילֶערְהֵייט אָנְגֶעאַרְבֶּעט אוּן גֶעשִׁיקְט בְּרִיוו בִּיז עֶר הָאט צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט גֶעלְט אוּן גֶעשְׁפַּייזְט דִי אָרִימֶע עוֹבְדִים אִין אוּמַאן צֶענְדְלִיגֶע יָארְן. פַאר פֶּסַח פְלֶעגְט עֶר

מַאכְן אַן עֶקְסְטֶערֶע קִמְחָא דְפִּסְחָא פוּן אוֹיל, קַארְטָאפְל אוּן נָאךְ פַארְשִׁידֶענֶע שְׁפֵּייז וָואס עֶר הָאט גֶעטֵיילְט פַאר דִי אָרֶעמֶעלַייט, אוּן מַיין נִישְׁט אַז דָאס אִיז אִים אָנְגֶעקוּמֶען אַלֶע יָאר גְרִינְג, עֶס אִיז גֶעוֶוען יָארְן וָואס עֶר הָאט זִיךְ מַמָּשׁ גֶעדַארְפְט מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין עֶס זָאל זַיין אַ קִמְחָא דְפִּסְחָא פַאר דִי אִידְן אִין אוּמַאן. מֶען דֶערְצֵיילְט, אַז אִין יָאר תר"צ אִין דִי טֶעג פוּן פּוּרִים אִיז ר' לֵוִי יִצְחָק גֶעגַאנְגֶען זִיךְ טוֹבֵל'עֶן אִין מִקְוֶה, וֶוען עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַרוֹיסְגֵיין הָאט פְּלוּצְלוּנְג דֶער בֶּעדֶער אִים אָנְגֶעגָאסְן מִיט אַ שִׁיסְל הֵייסֶע קָאכֶעדִיגֶע וַואסֶער.

**בֶּערֶעלֶע:** אוֹי וֵויי! פַארְוָואס?

**זֵיידֶע:** דָאס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען פַאר דַוְקָא, דֶער בֶּעדֶער הָאט אִים נִישְׁט בַּאמֶערְקְט. אִין יֶענֶע צַייט אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין קְרַאנֶען אַזוֹי וִוי הַיינְט פוּן קַאלְטֶע אוּן הֵייסֶע וַואסֶער, דִי וַואסֶער פוּן מִקְוֶה אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר זֵייעֶר קַאלְט, הָאט מֶען אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט נֶעבְּן דִי מִקְוֶה אַ גְרוֹיסֶע פַּאס אוּן אָנְגֶעצִינְדְן אַ פַייעֶר אוּנְטֶער דֶעם, וֶוען דִי וַואסֶער הָאט גֶעקָאכְט פְלֶעגְט מֶען אָנְפִילְן הֶעמֶערְס וַואסֶער פוּן פַּאס אוּן אַרֵיינְגִיסְן אִין דִי קַאלְטֶע מִקְוֶה צוּ אַבִּיסְל אָנְוַוארֶעמֶען דִי וַואסֶער, אָבֶער דָאס מָאל הָאט דֶער בֶּעדֶער נִישְׁט בַּאמֶערְקְט ר' לֵוִי יִצְחָק אוּן הָאט בְּטָעוּת אָנְגֶעגָאסְן דִי וַואסֶער אוֹיף אִים. ר' לֵוִי יִצְחָק אִיז נֶעבֶעךְ אָפְּגֶעבְּרִיט גֶעוָוארְן אוֹיף זַיין גַאנְצְן קֶערְפֶּער, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט לִיגְן אַ לֶענְגֶערֶע צַייט אִין בֶּעט מִיט שְׁוֶוערֶע יִסּוּרִים. דִי גַאנְצֶע צַייט וָואס עֶר אִיז גֶעלֶעגְן קְרַאנְק אִין בֶּעט הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין מְנוּחָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר בַּאזָארְגְט, דִי טֶעג לוֹיפְן דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ וָואס וֶועט זַיין מִיט אַלֶע אָרֶעמֶעלַייט? וֶוער וֶועט צַאמֶענְעמֶען גֶעלְט פַאר דִי קִמְחָא דְפִּסְחָא? עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז נִישְׁט יֶעדֶער אִיז גְרֵייט צוּ אַיינְשְׁטֶעלְן זַיין לֶעבְּן פַאר דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה, אוֹיבּ אַזוֹי וֶועלְן דִי עוֹבְדִים פוּן אוּמַאן נִישְׁט הָאבְּן אוֹיף יוֹם טוֹב חַס וְשָׁלוֹם? הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן צוּ שִׁיקְן אַ בְּרִיוו קֵיין בַּאבְּרִינִיץ צוּ דִי נְגִידִים ר' מָרְדְכַי אוּן ר' יִשְׂרָאֵל בַּאבְּרִינִיצֶער זַ"ל וֶועלְכֶע הָאבְּן גֶעהַאט אַ פַאבְּרִיק פוּן זַייף, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ טַאקֶע אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען צוּ צוּשְׁטֶעלְן דִי שְׁפֵּייז וָואס הָאט גֶעפֶעלְט. -



**בֶּערֶעלֶע:** "הָאסְטוּ גֶעהֶערְט אַמָאל דִי מַעֲשֶׂה פוּן ר' מָרְדְכַי מִיט זַיין זוּהְן ר' יִשְׂרָאֵל בַּאבְּרִינִיצֶער?"

**בֶּערֶעלֶע:** נֵיין! דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס אִיךְ הֶער דִי נֶעמֶען.

**זֵיידֶע:** אוֹי, דָאס אִיז אַ לַאנְגֶע מַעֲשֶׂה.... אוֹיבּ אַזוֹי וֶועלְן מִיר מוּזְן זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן דָא, סְאִיז שׁוֹין אַבִּיסְל שְׁפֶּעט פַאר דִיר בֶּערֶעלֶע, אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם דָאס קוּמֶענְדִיגֶע מָאל דֶערְמַאן מִיר וֶועל אִיךְ מַמְשִׁיךְ זַיין דֶערְצֵיילְן וֶועגְן זֵיי. אַזוֹי גֵייט עֶס וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן צוּ רֶעדְן וֶועגְן דִי אַנְשֵׁי הַצַּדִּיק - דִי הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי'ן אִיז עֶס אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע תְּנָאִים פוּן דִי הַגָּדָה וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעזֶעסְן אִין בְּנֵי בְּרַק אוּן גֶערֶעדְט אַ גַאנְצֶע נַאכְט וֶועגְן דִי נִסִּים פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם... וֶוער עֶס אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם צַדִּיק אִיז עֶס מַמָּשׁ אַ סִיפּוּר יְצִיאַת מִצְרַיִם, אוּן מֶען קֶען אַרוּמְרֶעדְן וֶועגְן דֶעם אַ גַאנְצֶע נַאכְט....

**בֶּערֶעלֶע:** בִּיז עֶס וֶועלְן קוּמֶען דִי תַּלְמִידִים אוּן זָאגְן: 'רַבּוֹתֵינוּ סְאִיז גֶעקוּמֶען צַייט צוּ דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית...'

מקורות: איש חסידך

אִין יָאר תקס״ג, דִי צַייט וֶוען ר׳ נָתָן אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן. אִיז עֶר גֶעפָּארְן קַיין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע צוּזַאמֶען מִיטְן רֶבִּי׳ן צוּ זַיין אוֹיף דֶער חֲתוּנָה פוּן רֶבִּי׳נְס טָאכְטֶער שָׂרָה. דִי חֲתוּנָה אִיז דָארְט פָּארְגֶעקוּמֶען רֹאשׁ חֹדֶשׁ נִיסָן. ר׳ נָתָן אִיז דָארְט פַארְבְּלִיבְּן מִיטְן רֶבִּי׳ן בִּיז נָאךְ פֶּסַח.

ר׳ נָתָן הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַז דֶער רֶבִּי זָאל אִים אַיינְלַאדֶענֶען אוֹיפְן סֵדֶר-נַאכְט, עֶר זָאל קֶענֶען צוּזֶען דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה פוּנֶעם רֶבִּי׳ן, וְוִיאַזוֹי עֶר רֶעכְט דֶעם סֵדֶר, אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט אִים נִישְׁט אַיינְגֶעלַאדְנְט, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעפִירְט צוּ זִיצְן בַּיים סֵדֶר נָאר מִיט זַיין הוֹיז-גֶעזִינְד.



אָבֶּער ר׳ נָתָן פוּן גְרוֹיס בְּרֶען אוּן גְלוּסְטֶעניש אִיז גְלַייךְ נָאכְן עֶנְדִיגְן זַיין סֵדֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם אַכְסַנְיָא פוּן רֶבִּי׳ן אוּן אִיז אַרִיבֶּער בַּיים טִיר, דִי טִיר אִיז דַאן גֶעוֶוען אָפְן וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאלְטְן בַּיים זָאגְן דִי תְּפִלָּה פוּן ׳שְׁפוֹךְ חֲמָתְךָ׳, הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳נְס צוּרָה. דָאס אִיז גֶעוֶוען פַאר ר׳ נָתָן אַ גֶעוִוינְס וְוִי עֶר וָואלְט גֶעוִוינֶען אַ גְרוֹיס פַארְמֶעגְן.

**טַייעֶרֶע קִינְדֶער: מִיט וָואס קֶענֶען מִיר זִיךְ גְרֵייטְן צוּם סֵדֶר נַאכְט?**

**קְלִינְג אַרַיין אִין טֶעל-לַיין לָאז אִיבֶּער אַ הוֹדָעָה אִין קֶנֶעפְּל 7 דַיינֶע חֲבֵרִים**

## תפלה פאר פסח

באשעפער, העלף אונז, מיר זאלן זוכה זיין צו מקבל זיין אויף אונז די קדושה פון יום טוב פסח, מיט א געוואלדיגע הייליגקייט מיט א שמחה און חדוה. מיר זאלן זוכה זיין צו מקיים זיין די מצוה פון ארבע כוסות די וויין פון פסח מיט א ריכטיגע שלימות און מיט קדושה וטהרה. (תפלה כ׳)

באשעפער, זיי זיך מרחם אויף אונז מיט דיין גרויס רחמנות און דיין גרויס גענאד. העלף אונז אויפנעמען די דריי רגלים פסח, שבועות און סוכות מיט א קדושה און א גרויס פרייד, מיר זאלן זוכה זיין צו מכבד זיין אלע ימים טובים מיט אלע מיני כבוד און שיינקייט, מיט עסן, סעודות און ריינע קליידער. און רוען פון אלע ארבעט. מיט א גוט הארץ און א גרויסע שמחה.

מיט תפלה בכוונה און א געוואלדיגע התעוררות ווי עס פאסט פאר א אידיש קינד צו דאווענען און זיך אויפצופירן יום טוב.



מסיבה אדר תשפ-ג מאנסי ניו יארק

# הטעימנו טעם פסח

מיטן לערנען די הלכות פון פסח, און מיט דיין טעגליכע התבודדות וועט זיך שפירן אן אנדערן טעם...

- הלכה
- ספררבנו
- מעשיות
- גורלות

און נאך

א גוטע געלעגנהייט זיך מיטצוכאפן אין
מתמידים והודעתם לבניך





אמעריקע
646-585-2977
518-329-9216
ענגלאנד 020-376-97807
ארץ ישראל 0733-517202

# ~ דִי צְוֶועלֶעוְוטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט

## 11 דֶער בַּעַל תְּפִלָּה




**הָאט דֶער גִבּוֹר גִישְׁמוּסְט מִיט דֶעם מֶלֶךְ.** מִכֹּחַ דֶער מְדִינָה וָואס זֵיי זֶענֶען אַזוֹי אַרַיין גִיפַאלְן אִין דֶער עֲבוֹדָה זָרָה פוּן גֶעלְט.

**הָאט דֶער גִבּוֹר גִיזָאגְט צוּם מֶלֶךְ** אִיךְ הָאבּ פוּן אַייךְ גִיהֶערְט. אַז דָארְךְ דֶעם וֶועג וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ דֶער שְׁוֶוערְד. דָארְךְ דֶעם קָאן מֶען אַרוֹיס נֶעמֶען דֶעם וָואס עֶר אִיז אַרַיין גִיפַאלְן אִין דֶער תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט. הָאט אִים דֶער מֶלֶךְ גִיעֶנְפֶערְט יוֹא סֶע אִיז אַזוֹי.

**הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיזָאגְט דֶעם גִבּוֹר.** (דִי זַאךְ וִוי אַזוֹי מֶע קָאן דוּרְךְ דֶעם וֶועג זֵיי אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דֶער תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט) בַּאֲשֶׁר אִין דֶעם וֶועג וִוי עֶר גֵייט צוּ דֶער שְׁוֶוערְד. אִיז פַארְהַאנְדִין אַ וֶועג אִין דֶער זַייט. קוּמְט מֶען מִיט דֶעם וֶועג צוּ אֵיין פֵייעֶרְדִיקִין בַּארְג. אוּן אוֹיף דֶעם בַּארְג לִיגְט אַ לֵייבּ.

**אוּן דֶער לֵייבּ אַז עֶר בַּאדַארְף עֶסִין** גֵייט עֶר אוּן פַאלְט אוֹיף דִי טְשֶׁערְדֶעס אוּן נֶעמְט זִיךְ שָׁאף אוּן בְּהֵמוֹת אוּן עֶסְט זֵיי אוֹיף. אוּן דִי פַּאסְטִיכִיס וֵויסִין דֶערְפוּן. אוּן זֵיי הִיטִין זֵייעֶר דִי שָׁאף פַאר אִים.

**לוּשְׁמִיר דֶער לֵייבּ קוּקְט גָאר דְרוֹיף נִיט.** נָאר אַז עֶר וִויל עֶסִין פַאלְט עֶר אוֹיף דִי טְשֶׁערִידֶעס. אוּן דִי פַּאסְטִיכִיס קְלַאפִּין אוּן שְׁלָגִין אוּן שְׁטוּרְמִין אוֹיף אִים.

**לוּשְׁמִיר דֶער לֵייבּ הֶערְט דָאס גָאר נִיט.** נָאר עֶר נֶעמְט זִיךְ שָׁאף אוּן בְּהֵמוֹת. אוּן בְּרוּמְט אוּן עֶסְט זֵיי. אוּן דֶעם בַּארְג פוּן פַייעֶר זֶעהְט מֶען גָאר נִיט (כְּלוֹמֶר סֶע אִיז דָארְט פַארְהַאנְדִין אַ בַּארְג פוּן פַייעֶר. נָאר מֶע זֶעהְט אִים נִיט).

אוּן וִוידֶער פוּן דֶער זַייט אִיז נָאךְ פַארְהַאנְדִין אַ וֶועג. קוּמְט מֶען מִיט דֶעם וֶועג צוּ אֵיין אָרְט וָואס סֶע הֵייסְט קֶעךְ. אוּן דָארְט אִין דֶער קֶעךְ אִיז פַארְהַאנְדִין אַלִירְלֵיי מַאֲכָלִים. אוּן אִין דֶער קֶעךְ אִיז קֵיין שׁוּם פַייעֶר נִיט פַארְהַאנְדִין.

**נָאר דִי מַאֲכָלִים וֶוערִין גִיקָאכְט** דָארְךְ דֶעם בַּארְג פוּן פַייעֶר הַנַּ"ל אוּן דֶער בַּארְג פוּן פַייעֶר אִיז פוּן דָארְט זֵייעֶר וַוייט. נָאר סֶע גֵייעֶן שְׁטֶעשְׁקִיס אוּן אַזוֹ וִוי רִינְווִיס פוּן דֶעם בַּארְג פוּן פַייעֶר צוּ דֶער קֶעךְ. אוּן דָארְךְ דֶעם וֶוערִין גִיקָאכְט אַלֶע מַאֲכָלִים הַנַּ"ל.

**אוּן דִי קֶעךְ זֶעהְט מֶען אוֹיךְ גָאר נִיט אַרוֹיס.** נָאר סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין אַ סִימָן. סֶע שְׁטֵייעֶן דָארְטְן פֵייגִיל אוֹיף דֶער קֶעךְ. אוּן דָארְךְ דֶעם וֵוייסְט מֶען אַז דָארְט אִיז דִי קֶעךְ אוּן דִי פֵייגִיל פָאכִין מִיט דִי פְלִיגִיל.

**אוּן דָארְךְ דֶעם צִינְדִין זֵיי אָן דָאס פַייעֶר** אוּן פַארְלֶעשִׁין דָאס פַייעֶר. דְהַיְינוּ דָארְךְ דֶעם וָואס דִי פֵייגִיל פָאכִין דוּרְךְ דֶעם בְּלָאזִין זֵי אוֹיף אוּן צוּנְדִין אָן דָאס פַייעֶר. אוּן וִוידֶער טַאקֶע דָארְךְ זֵייעֶר פָאכִין פַארְלֶעשִׁין זֵיי דָאס פַייעֶר אַז דָאס פַייעֶר זָאל נִיט פְלַאמֶען צוּ שְׁטַארְק מֶער אֵיידֶער מֶע בַּאדַארְף.

**אוּן זֵיי בְּלָאזִין אוֹיף דָאס פַייעֶר** וֶועדְלִיג מֶע בַּאדַארְף צוּ דִי מַאֲכָלִים דְהַיְינוּ צוּ דֶעם מַאֲכָל בַּאדַארְף מֶען אַזוֹי אַ פַייעֶר. אוּן צוּ אֵיין אַנְדֶער מַאֲכָל בַּאדַארְף מֶען אֵיין אַנְדֶער פַייעֶר. אַלְץ וֶועדְלִיג דֶעם מַאֲכָל אַזוֹי

בְּלָאזִין דִי פֵייגִיל אוֹיף דָאס פֵייעֶר. (דָאס דֶערְצֵיילְט אַלְץ דֶער מֶלֶךְ דֶעם גִבּוֹר).

**בְּכֵן זָאלְסְטוּ זֵיי פִירִין** (דְהַיְינוּ דִי לַייט פוּן דֶער מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת וָואס זֵיי זֶענֶען גָאטִין) פְּרִיר אַקֶעגִין וִוינְט. כְּדֵי דֶער רֵיחַ פוּן דִי מַאֲכָלִים. זָאל זֵיי פַּאר גֵייעֶן. דֶערְנָאךְ אַז דוּ וֶועסְט זֵיי גִיבִּין פוּן דִי מַאֲכָלִים. וֶועלִין זֵי שׁוֹין בְּוַודְאַי אַוֶועק וַוארְפִין דִי תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט.

**הָאט דֶער גִבּוֹר אַזוֹי גִיטָאן.** אוּן הָאט גִינוּמֶען דִי דָאזִיגֶע לַייט. דְהַיְינוּ דִי גְרוֹיסֶע לַייט פוּן דֶער מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת וָואס זֵיי זֶענֶען גָאטִין אִין זֵייעֶר מְדִינָה. וָואס זֵיי זֶענֶען אַהֶער גִיקוּמֶען מִיט דֶעם מְמוּנָה כַּנַ"ל

**אוּן אַז זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען פוּן זֵייעֶר מְדִינָה** מִיט דֶעם מְמוּנָה הָאבִּין זֵיי דִי מְדִינָה כֹּחַ גִיגִיבְּן. אַז וָואס זֵיי וֶועלִין טָאן זָאל זַיין גִיטָאן. אוּן גָאר דִי מְדִינָה מוּז צוּ שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם אַלִימֶען וָואס זֵי וֶועלִין טָאן.

**הָאט דֶער גִבּוֹר גִינוּמֶען דִי לַייט.** אוּן הָאט זֵיי גִיפִירְט אִין דֶעם וֶועג. (וָואס דֶער מֶלֶךְ הָאט אִים גִיזָאגְט כַּנַ"ל) אוּן עֶר הָאט זֵיי גִיבְּרַאכְט בִּיז דֶער קֶעךְ וָואס דָארְט זֶענֶען דִי מַאֲכָלִים. אוּן פְּרִיר הָאט עֶר זֵיי גִיפִירְט אַ קֶעגִין וִוינְט אִיז זֵיי פַּאר גַאנְגֶען דֶער רֵיחַ פוּן דִי מַאֲכָלִים. הָאבִּין זֵיי אִים אָנְגִיהוֹיבִּין זֵייעֶר צוּ בֶּעטִין אַז עֶר זָאל זֵיי גִיבִּין פוּן דִי גוּטֶע מַאֲכָלִים.

**דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זֵיי גִיפִירְט פוּן דֶעם וִוינְט.** הָאבִּין זֵיי אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ שְׁרַייעֶן. סֶע שְׁטִינְקְט זֵייעֶר. הָאט עֶר זֵיי ווִידֶער גִיבְּרַאכְט אַקֶעגִין וִוינְט. אִיז זֵיי ווִידֶער פַּארְגַאנְגֶען דֶער גוּטֶער רֵיחַ פוּן דִי מַאֲכָלִים. הָאבִּין זֵיי אִים ווִידֶער זֵייעֶר גִיבֶּעטִין. אַז עֶר זָאל זֵיי גִיבִּין פוּן דִי מַאֲכָלִים.

**דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זֵיי ווִידֶער גִיפִירְט** פוּן דֶעם וִוינְט הָאבִּין זֵיי ווִידֶער אָנְגִיהוֹבִּין צוּ שְׁרַייעֶן סֶע שְׁטִינְקְט זֵייעֶר ווִילְד.

**הָאט זִיךְ דֶער גִבּוֹר צוּ זֵיי אָנְגִירוּפִין.** אִיר זֶעהְט זִיךְ אַז סֶע אִיז דָא גָאר נִיט פַּארְהַאנְדִין קֵיין שׁוּם זַאךְ וָואס סֶע זָאל שְׁטִינְקֶען. מוּז בְּוַודְאַי זַיין אַז אִיר אַלֵיין שְׁטִינְקְט עֶס. וָוארְן דָא אִיז נִיט דָא קֵיין שׁוּם זַאךְ וָואס סֶע זָאל הָאבִּין אַ רֵיחַ רַע.

**דֶערְנָאךְ. הָאט עֶר זֵיי גִיגִיבְּן פוּן דִי מַאֲכָלִים.** וְוִי זֵיי הָאבִּין גִיגֶעסִין פוּן דִי מַאֲכָלִים. הָאבִּין זֵיי תֵּיכֶף אָנְגִיהוֹיבִּין אַוֶועק צוּ וַוארְפִין פוּן זִיךְ דָאס גֶעלְט. אוּן אִיטְלִיכֶער הָאט זִיךְ אוֹיסגִיגְרָאבִּין אַ גְרוּבּ. אוּן הָאט זִיךְ בַּאגְרָאבִּין אִין דֶעם גְרוּבּ מַחְמַת גְרוֹיס בּוּשָׁה וָואס זֵיי הָאבִּין זִיךְ זֵייעֶר גִישֶׁעמְט. וָוארִין זֵיי הָאבִּין דֶערְפִּילְט ווִי דָאס גֶעלְט שְׁטִינְקְט זֵייעֶר. וַוייל זֵיי הָאבִּין פַּארְזוּכְט פוּן דִי מַאֲכָלִים.

**אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ צוּרִיסִין דָאס פָּנִים אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ בַּאגְרָאבִּין.** אוּן הָאבִּין דָאס פָּנִים גָאר נִיט גִיקָאנְט אוֹיף הֵייבִּין. אוּן אֵיינֶער פַאר דֶעם אַנְדֶערִין הָאט זִיךְ גִישֶׁעמְט. (וָוארִין אַזוֹי אִיז דִי סְגוּלָה פוּן דִי מַאֲכָלִים. אַז וֶוער סֶע עֶסְט פוּן דִי מַאֲכָלִים הָאט עֶר זֵייעֶר פֵיינְט גֶעלְט) וָוארִין דָארְט אִין דֶעם אָרְט. אִיז דָאס גֶעלְט דִי גְרֶעסְטֶע בּוּשָׁה פוּן אַלֶע בּוּשׁוֹת.

**אוּן אַז אֵיינֶער ווִיל דֶעם אַנְדֶערִין עֶפֶּעס אוֹיס וַוארְפִין.** וַוארְפְט עֶר אִים אוֹיס דוּ הָאסְט גֶעלְט. וָוארִין

גֶעלְט אִיז דָארְט זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע בּוּשָׁה אוּן וָואס אֵיינֶער הָאט מֶער גֶעלְט שֶׁעמְט עֶר זִיךְ מֶער. אִיבֶּער דֶעם הָאבְּן זֵיי זִיךְ בַּאגְרָאבְּן מַחְמַת גְרוֹיס בּוּשָׁה.

**און אִיטְלִיכֶער הָאט נִישְׁט גִיקֶענְט אוֹיף הֵייבְּן דָאס פָּנִים אַפִּילוּ פַאר דֶעם אַנְדֶערְן.** מִכָּל שֶׁכֵּן. פַאר דֶעם גִבּוֹר. אוּן וֶוער סֶע הָאט נָאךְ בַּיי זִיךְ גִיפוּנֶען עֶפֶּעס אֵיין גִילְדִין אָדֶער אַ גְרָאשִׁין הָאט עֶר אִים מְבַעֵר גִיוֶוען פוּן זִיךְ תֵּיכֶף אוּן עֶר הָאט אִים אַ וָוארְף גִיטָאן פוּן זִיךְ.

**דֶערְנָאךְ אִיז דֶער גִבּוֹר צוּ זֵיי גִיקוּמֶען** אוּן הָאט זֵיי אַרוֹיס גִינוּמֶען פוּן זֵייעֶרֶע גְרִיבֶּער וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ דָארְט בַּאגְרָאבְּן פַאר בּוּשָׁה. אוּן עֶר הָאט צוּ זֵיי גִיזָאגְט קוּמְט מִיט מִיר. וָוארִין הַיינְט בַּאדַארְפְט אִיר שׁוֹין קֵיין מוֹרָא נִיט צוּ הָאבִּין פַאר דֶעם גִבּוֹר. וָוארִין אִיךְ בִּין דָאס אַלֵיין דֶער גִבּוֹר.

**הָאבִּין זֵיי גִיבֶּעטִין דֶעם גִבּוֹר** אַז עֶר זָאל זֵיי גִיבְּן פוּן דִי מַאֲכָלִים כְּדֵי זֵיי זָאלְן פִירִין אִין זֵייעֶר מְדִינָה אַרַיין. וָוארִין זֵיי אַלֵיין וֶועלִין שׁוֹין בְּוַודַאי פַיינְט הָאבִּין גֶעלְט. לוּשְׁמִיר זֵיי הָאבִּין גִיוָואלְט אַז דִי גַאנְצֶע מְדִינָה זָאלְן אַרוֹיס פוּן דֶער תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט. הָאט דֶער גִבּוֹר זֵיי גִיגִיבִּין פוּן דִי מַאֲכָלִים.

**הָאבִּין זֵיי גִיפִירְט דִי מַאֲכָלִים אִין זֵייעֶר מְדִינָה אַרַיין.** אוּן תֵּיכֶף וִוי זֵיי הָאבִּין זֵיי גִיגִיבְּן פוּן דִי מַאֲכָלִים. הָאבִּין זֵיי אַלֶע תֵּיכֶף אָנְגִיהוֹיבִּין אַוֶועק צוּ וַוארְפִין זֵייעֶר גֶעלְט אוּן הָאבִּין זִיךְ בַּאגְרָאבִּין אִין דֶער עֶרְד פַאר גְרוֹיס בּוּשָׁה. אוּן דִי גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים אוּן דִי גְאטִין.

**הָאבִּין זִיךְ מֶער גִישֶׁעמְט.** אוּן דִי קְלֵיינֶע לַייט וָואס זֵיי פְלֶעגִין הֵייסִין בַּיי זֵיי חַיּוֹת אוּן עוֹפוֹת הָאבִּין זֵיי זִיךְ אוֹיךְ גִישֶׁעמְט נָאךְ וָואס זֵיי זֶענֶען בִּיז אַהֶער בַּיי זִיךְ אַזוֹי קְלֵיין גִיוֶוען וַוייל זֵיי הָאבִּין קֵיין גֶעלְט נִיט.

**וָוארִין הַיינְט.** הָאבִּין זֵיי שׁוֹין גְאוּוסְט אַז אַדְּרַבָּא פַארְקֶערְט גֶעלְט אִיז דֶער עִיקָר בּוּשָׁה. וָוארִין דִי מַאֲכָלִים הָאבִּין אִין זִיךְ אַזוֹי אַ סְגוּלָה אַז וֶוער סֶע עֶסְט פוּן דִי מַאֲכָלִים. אִיז עֶר זֵייעֶר מְמָאֵס גֶעלְט. וָוארִין עֶר פִּילְט דֶעם רֵיחַ רַע פוּן גֶעלְט אַזוֹי וִוי פוּן טִינוּף פּוּנְקְט. הָאבִּין זֵיי אַלֶע אַוֶועק גִיוָוארְפִין זֵייעֶר גֶעלְט. אוּן זֵייעֶר גָאלְד אוּן זִילְבֶּער.

**דֶערְנָאךְ הָאט מֶען זֵיי גִישִׁיקְט דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה.** הָאט עֶר זֵיי אוֹיס גִיגִיבְן תְּשׁוּבוֹת אוּן תִּיקוּנִים. אוּן עֶר הָאט זֵיי גִירֵיינִיקְט אוּן דֶער מֶלֶךְ אִיז גִיוָוארִין אַ מֶלֶךְ אִיבֶּער גָאר דֶער וֶועלְט. אוּן גָאר דִי וֶועלְט הָאט זִיךְ אוּם גִיקֶערְט צוּ גָאט בָּרוּךְ הוּא.

**אוּן זֵיי הָאבִּין אַלֶע עוֹסֵק גִיוֶוען נָאר אִין תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה אוּן תְּשׁוּבָה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים: אָמֵן**

כֵּן יְהִי רָצוֹן בָּרוּךְ ה' לְעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן.

סֶע שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאט אֵיין אוֹיבְן אִין דֶעם אָרְט אוּן דָאס פַייעֶר אִיז אוֹיף אֵיין אַנְדֶער אָרְט. כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בִּישְׁעַיָה ל"א): "נְאוּם ה' אֲשֶׁר אוּר לוֹ בְּצִיּוֹן וְתַנוּר לוֹ בִּירוּשָׁלַיִם": דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה אִיז מְרוּמָז אִין דֶעם קַאפִּיטֶל יְשַׁעְיָה ל"א ע"ש. דֶער סֵדֶר פוּן דֶעם מֶלֶךְ מִיט זַיינֶע לַייט אִיז אַזוֹי דֶער בַּעַל תְּפִלָּה מִיט דֶעם גִבּוֹר. דֶער מְמוּנֶה עַל הָאוֹצְרוֹת מִיט דֶעם חָכָם. דֶער מֵלִיץ מִיט דֶעם אוֹהֵב נֶאֱמָן. דִי בַּת מַלְכָּה מִיט דֶעם קִינְד. דֶער מֶלֶךְ מִיט דֶער מַלְכָּה. אוּן זֵיי זֶענֶען צֶעהְן זַאכִין. וָואס דִי צֶעהְן פַאר רֶעכְטִין גָאר דִי וֶועלְט. אוּן נֶעמֶען אַרוֹיס אִיטְלִיכְן פוּן זַיין נַארִישְׁקֵייט. אוּן קֶערִין אוּם אַלֶע צוּם רֶעכְטִין אֱמֶת.

## געווינער פון די לעצטע וואכן:

נחמן גריזולט, בית שמש
שלמה ווייצהענדלר, בית שמש
יעקב דוד שמחה אייזנצווייג קרית טאהש
יאנקי קעניג, 8907
נחמן דוב כץ, קרית יואל
שרגא פייוויל ענגל, קרית יואל

בנימין אנשין, 2658 בית שמש
נתן צציק, בית שמש
נתן לויפער, בית שמש

## לעצטע פיר געווינער:

נחמן ווייצהענדלר, 9793 בית שמש. בעל תפלה 6
חיים יהודה פריעדמן, בית שמש. בעל תפלה 7
נתן צציק, בית שמש. בעל תפלה 8
אברהם ווייצהענדלר, 9794 בית שמש. בעל תפלה 9

# בחינה אויף ספורי מעשיות

## די צוועלפטע מעשה (11) - פון דער בעל תפילה (סוף)

**א. וועלכע חי' איז דא אויף דעם פייערדיגן בארג?**
- ❑ א לעמפערט
- ❑ א בער
- ❑ א לייב

**ב. וואס טוהט די חי' ווען די פאסטעכער שטורמען אויף אים?**
- ❑ ער ווערט זייער דערשראקן
- ❑ ער אנטלויפט גלייך
- ❑ ער נעמט די בהמות און ברומט און עסט זיי

**ג. וואס איז דא אויף די אנדערע וועג?**
- ❑ א קעך
- ❑ א לייב
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ד. וויאזוי ווערן געקאכט די עסן אין קאך?**
- ❑ דורך די פייער וואס איז דא אין קאך
- ❑ דורך די בארג פון פייער
- ❑ דורך די היץ פון די זון

**ה. וויאזוי ווייסט מען וואו ס'איז די קאך?**
- ❑ ווייל ס'איז גאר א הויכע בנין
- ❑ ווייל מ'שמעקט די גרוך פון די עסן
- ❑ ווייל עס שטייען דארטן פייגעלעך

**ו. וויאזוי טוהט מען אנצינדן און פארלעשן די פייער פון קאך?**
- ❑ דורך א ספעציעלער צינדער
- ❑ דורך די פייגעלעך וואס פאכן מיט די פליגלעך
- ❑ עס ווערט פון זיך אליינס

**ז. וואס האט דער קעניג געזאגט ערשט צו טוהן מיט די מענטשן פון מדינה של עשירות?**
- ❑ זיי קודם געבן צו עסן פון די קעך און נאכדעם צו גיין קעגן די ווינט פון קעך
- ❑ זיי קודם צו טראגן קעגן די ווינט פון קעך און נאכדעם זיי צו געבן עסן פון די קעך
- ❑ זיי זאלן קודם ארויסווארפן די געלט און נאכדעם זיי צו געבן עסן פון די קעך

**ח. וואס האבן זיי געזאגט ווען ער האט זיי געפירט קעגן די ווינט?**
- ❑ אז עס שטינקט זייער
- ❑ זיי האבן אים געבעטן פון די עסן
- ❑ אז עס איז דא א גוטער גערוך

**ט. וואס האבן זיי געזאגט ווען ער האט זיי געפירט פון דעם ווינט?**
- ❑ אז עס שטינקט זייער
- ❑ זיי האבן אים געבעטן פון די עסן
- ❑ אז עס איז דא א גוטער גערוך

**י. וויפיל מאל האט ער זיי געפירט א קעגן דעם ווינט?**
- ❑ איין מאל
- ❑ צוויי מאל
- ❑ דריי מאל

**יא. וואס האבן זיי געטון ווען זיי האבן געגעסן פון די עסן פון די קאך?**
- ❑ זיי האבן אנגעהויבן אוועקווארפן די געלד
- ❑ זיי האבן זיך באגראבן פאר בושה
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יב. וואס איז די גרעסטע בושה אין יענע פלאץ?**
- ❑ פריילעכקייט
- ❑ ארימע קליידער
- ❑ געלד

**יג. וואס האט דארטן געטוהן ווער ס'האט געטראפן ביי זיך געלד?**
- ❑ האט דאס אוועק געלייגט פאר ווען ער וועט דאס דארפן
- ❑ ער האט עס געגעבן פאר זיין חבר
- ❑ ער האט עס מבער געווען און אוועק געטון פון זיך

**יד. וואס האבן זיי נאכדעם געבעטן פון דעם גבור?**
- ❑ אז ער זאל זיי געבן א וועג צו תשובה
- ❑ אז ער זאל קומען צו זייער מדינה ווערן קעניג
- ❑ אז ער זאל זיי געבן פון די עסן צו טראגן אין זייער מדינה

**טו. וואס איז די סגולה פון די עסן, אז ווער ס'עסט פון דעם?**
- ❑ ווערט געלד נישט אזוי חשוב ביי אים
- ❑ איז ער ממאס געלד
- ❑ איז ער זייער ממאס געלד

***טז. שאלת זכות: אין וועלכע קאפיטל איז מרומז די מעשה?***
- ❑ *ישעי' ב'*
- ❑ *ישעי' ל'*
- ❑ *ישעי' ל"א*

**און גאר די וועלט האט זיך אום גיקערט צו גאט ב"ה און זיי האבן אלע עוסק**
**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72**
**1-518-329-9149**

אלע קינדער וואס האבן געווינען די לעצטע וואכן קענען דאס אפנעמען ביי ר' יואל יאראוויטש

# אויסהערןביידע צדדים



דֶער קְרַאסְנֶער רָב - רֶבִּי הִלֵּל לִיכְטֶענְשְׁטֵיין ז״ל אִיז גֶעוֶוען פַאר דִי מִלְחָמָה נֵיינְצְן יָאר רָב אוּן רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִין שְׁטָאט קְרַאסְנֶא, רָאמֶענְיֶע. שְׁפֶּעטֶערֶע יָארְן אִיז עֶר אַרִיבֶּער אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג ווִי עֶר הָאט גֶעפִירְט זַיין קְהִלָּה ׳קְהַל עֲדַת קְרַאסְנֶא׳, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז עֶר גֶעוֶוען פוּן דִי מְיַסְּדִים פוּן ׳הִתְאַחֲדוּת הָרַבָּנִים׳ אִין אַמֶערִיקֶע.

בַּיים צְוֵוייטְן וֶועלְטְס קְרִיג הָאט דֶער קְרַאסְנֶער רָב לַיידֶער פַארְלוֹירְן זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אָבֶער עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען פֶעסְט אוּן אָנְגֶעגַאנְגֶען מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ אוּן גֶעוֶוען אַ רָב דָארְט אִין דִי גֶעטָאס. שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ רָב אִין לַאנְדְנְסְבֶּערְג וואו עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן תְּשׁוּבוֹת פַאר עֲגוּנוֹת - פְרוֹיעֶן וָואס זֵייעֶרֶע מֶענֶער זֶענֶען נִפְטָר גֶעוָוארְן אִין דִי מִלְחָמָה.

נָאךְ דִי מִלְחָמָה אִיז עֶר גֶעוֶוען צוּזַאמֶען מִיט ר׳ לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער ז״ל אִין דַייטְשְׁלַאנְד. ר׳ לֵוִי יִצְחָק הָאט זִיךְ דָארְט גֶעהַאלְטְן מִיט אִים זֵייעֶר בִּידִידוּת אוּן גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אִים פוּן רֶבִּי׳נְס דִיבּוּרִים, שְׁפֶּעטֶערֶע יָארְן הָאט זִיךְ ר׳ לֵוִי יִצְחָק אוֹיסְגֶעדְרִיקְט אוֹיפְן קְרַאסְנֶער רָב: ״דֶעם רֶבִּי׳נְס זַאךְ אִיז בַּיי אִים זֵייעֶר חָשׁוּב! מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אַסַאךְ מָאל דִיבּוּרִים פוּן רֶבִּי׳נְס זַאךְ! אַזַא מִין מַאֲמִין אִין רֶבִּי׳ן ווִי עֶר אִיז, גֶעוַואלְדִיג, הַא, הַאלְט עֶר פוּנֶעם רֶבִּי׳נְס זַאךְ - אַה!״


קראסנער רב ז"ל

זַייעֶנְדִיג דָארְט נָאךְ דֶער מִלְחָמָה הָאט אֵיינְמָאל ר׳ לֵוִי יִצְחָק בַּאמֶערְקְט ווִי אַ קְלֵיין אִינְגֶעלֶע קוּמְט צוּ לוֹיפְן מִיט וֵויינֶענְדִיגֶע אוֹיגְן צוּם קְרַאסְנֶער רָב אוּן וֵויינְט: ״טַאטֶע, זֵיידֶע, עֶר הָאט מִיךְ גֶעשְׁלָאגְן״.

״דֶער קְרַאסְנֶער רָב רוּפְט זִיךְ אָן: ״רֶעד נִישְׁט קַיין לָשׁוֹן הָרָע, רֶעד נִישְׁט קַיין לָשׁוֹן הָרָע, קוּם צוּ מִיר - מִיט אִים, וֶועלְן בֵּיידֶע פַארְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה אוּן רֶעדְן, דוּ אַלֵיין - קֶענְסְט נִישְׁט!

אַזַא שֵׁיינֶע מִדָּה הָאט עֶר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר דִי קִינְדֶער, אַז מֶען דַארְף אוֹיסְהֶערְן בֵּיידֶע קִינְדֶער, בֵּיידֶע צְדָדִים, נָאר נָאכְדֶעם קֶען מֶען זֶען וֶוער עֶס אִיז גֶערֶעכְט. אוֹיךְ זֶעט מֶען אַז אֲפִילוּ פַאר גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען שׁוֹין אוֹיסְלֶערְנֶען נִישְׁט צוּ רֶעדְן קַיין לָשׁוֹן הָרָע אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן אֵיידְל אוּן שֵׁיין.